B
1045-
1056.

KAUFMANN
DÁVID
KÖNYVTÁRA
B. 1045-56

# איין נייא קלאג ליד

דאש האט גימאכט. איין קדוש דער האט גיהייסן
רבי יחזקל ער האט עז גימאכט קודם מותו
בניגון שוכני בתי חומר

## נאך דען אלף בית

בשנת יום ה׳ ערב ר״ח אייר הע״ט לפ״ק

אל מלא רחמים דוא דער בארימהערציגר פאטר וויא טושט
דוא דיך נעמין · מיינה זינד קעגין דעם אלמעכטיגין גאט
ווייל איך טון ביקענין (תשובה ותפלה) צו טון בין איך אן בריט :
דער קעניג נאלשט דוא מיר העלפין וויא דוא האשט גיהאלפין
דעם קיניג (חזקיהו) פון זיינר קראנקהייט :

ב יז אונטר דען הולבן היאל וויל איך צו דיר טאן וויינין אונ׳
שרייאן · דוא ליבר גאט טוא דוא אן מיר דז מאל איין זינר
פר ציימן אונ׳ פר ליימן : אונ׳ טוא דוא מיר נאך איין מאל איין
לעבין שענקין · ביז איך אויף מיינה עבירות ווייל איך טאן
בירעכקן :

ג אר גערין האב איך עובר גוועזין אויף כל התורה כולה ·
דא מיט האב איך גימאכט איין גוף אונ׳ נשמה אבולה : אוי
וויא ווערט עז מיר דער גין ווען אן ווערט איך ליגין אין דער
פינשטרה ערד אריין · וויא פיל טויגר (מלאכי חבלה) ווערין
קומין מיר אין קעגין צו גין :

דא מן

MAGYAR AKADÉMIA KÖNYVTÁRA

ד אן ווערט מיך ליגן אין קבר ארין * ווערט קומן דער
טרייסטער (מלאך) דער דא הייסט (דומה) אונ' ווערט זאגן
רשע וויא ליגסט דוא אזו אויז גישטרעקט אזו היפש אונ' פיין :
מיינם בויך ווערט ער מיר שפאלטין אין איינם שלאק * אונ'
ווערט זאגן רשע פרעגט וואז דוא האסט מיט גינומן פון יענם
גוטס אין דיינם זאק :

ה זיך אויך ריכטן ווערן מיך דיא (מלאכי חבלה) טאן שטעלין
מיט פייאריגה רוטן ווערין זיא מיך ברענגין אונ' שנעלין :
אונ' זיא ווערן מיך מאכין אויף איין נייאש לעבין * אונ' ווערין
זאגין רשע דוא מוזט פון דיין נשמה אונ' גוף (חשבון) אויף
יענם גוטס אויס געבין :

ו וואש ווער איך זאגין ווען איך ווער פר דען (בית דין של
מעלה קומן * ווערט מן מיך פרעגין רשע וואו זענין דיין
(תורה ומצות) וואש דוא האסט פון יענם גוטס מיט גינומן *
מיין פסק ווערט מן מיר אויז זאגין * מן ווערט מיך פון איינר
עק וועלט צו דיא אנדרי טון ארום יאגין :

ז אגין ווערין דיא (מלאכי חבלה) * רשע וויא לנג האבין מיר
גיהאפט אויף דיינר מפלה * אבר איצונד בישטו דא אונז
גאר וואול גיראטן * וויא האבין מיר אן דיר איין שינם דיקן
פעטין בראטין :

ח אבין ווערין מיך דיא (מלאכי חבלה) אויז דעם (קב־ר)
ארויס * זיא ווערין מיט מיר שפילן אז וויא איין קאטץ מיט
דער מויז * זיא ווערין מיר אויז ציהן מיינה ווייסה קליידר *
אונ' ווערן מיך ווערפין פון איין עק וועלט צו דער אנדרי אז
וויא מן ווערפט מיט איינם שלייר :

ט מא מטומאה) ווערט מן טאן פר מיינר מיטה אויז רופין
אונ' אויז שרייאן * דיא לייט ווערין זאגין דז איז דער רשע
דער דיא (תורה אונ' מצות) ניט האט וועלין דער מאן *
אזו זאל עז אויז גין אלי דיא רשעים * דיא דא טואן זעלכי
מעשים (רעים וחטאים) :

י אגין ווערין מיך דיא (מלאכי חבלה) הין אונ' ווידר * נאך
ווערין

ווערין מיר צו ברעכין אלז איינה גלידר · אזו ווערן מיך איינר
דען אנדרין איבר געבין · אונ׳ ווערין מיך מאכין אויך אין
נייאש לעבין :

כ ופר בעיקר האב איך ניט (כוזב׳) געוועזן · דרום האלט איך
צו דעם אלמעכטיגן גאט דז איך ווער אין כפרה האבין
אויף איינה זינד ווי אז טוט אין דיא (נביאים) זאגין : העט
איך אבר (כופר בעיקר) יוא ניט געוועזין · ווער איך פון
(עולם הבא) אונ׳ פון (שאול תחתי) גיט וואָרן גינומן :

ל א תגנב האב איך ניט געוועזין · דאז איז איינש פון דיא
צעהן געבאט · דא ריבר בין איך גקומן פיל מאל צו שאנד
אונ׳ צו שפאט · אי׳ל בין אויך פיל מאל דא ריבר תפוס גיקומן ·
אונ׳ האב אך פון שלעגין אונ׳ פון דריבר איין גינומן :

מ יט איינם שאר מעשר האב איך מיך בלבירט אין נאכט ·
איך האב מז גימאכט אויף גוים ארט · איין שפיטל
בערטלין הב איך מיר גילאזט שטין פארן · איך דב ניט
גימיינט אז דיא קוא ווערט קומן נוך מיינם טוט אונ׳ ווערט
מיך שטוטין מיט אירן הארין :

נ ון מעגן דיא (מלאכי חבלה) זאגין · וויא טוט מיר דעם
רשע פון איינר עק צו דער אנדרי יאגין · וויא טוט
אים דר ערד צו דעקין · אן טוט אים זיין נאמן אויף יענם וועלט
אויז שעקין : מ״ה

ס ור מרע ועשה טוב דען פסוק האב איך נוהג׳ גיוועזין ·
דרום קאן איך זידר פון דעם (שאול תחתי) ניט ווערין
גינעזין · אזו זאל מען אויז גין אזי דיא רשעים · דיא דא טואן
זעלכי (מעשים רעים וחטאים) :

ע זון אז גאט באריך הערליגר פאטר הער מיר אויז דען
ביטרין גלות פטור : אונ׳ טוא מיך נאך איינש מאז פרובירן
בין איך ווער ניך אין איינר עבירות וויל טאן רעגזפירן :

פ תולות ניטאש האב איך (אחבק ואנשק) גוועזין טאג
אונ׳ נאכט · דש האב איך פאר קיין גרושי עבירה גיאכט ·
דא

דאר מיט האב איך פֿר בראכט מיין זייט • אזונדר טוט עז
מיך דרוקין או וויא איין קייז שטיין אויף דער ב׳ זייט :

**צ** דיק גירעכט בישט דוא גאט אין אל דיינה ווערקי • אך
דוא זיבר גאט שטראף מיך ניט אזו שטאריק : אונ טוא
דיך איבר מיר דער בארימן • אול מיך פֿון דעם שווערן ביטרן
טוט ביוויארן :

**ק** ארטין אונ ווערפֿין האב איך גישפיזט טאג אונ נאכט •
דאר מיט הבין מאן מיך ברזות גימאכט • דיא שפיז זייט
האבין מיר גיגעבין איין נאמן ר׳ פייטז • דער וויל איך אופט
בין גיגאנגין אול האב גיהאט קיין פֿענונג אין מיין בייטל :

**ר** ופין אונ שטומפין האבין מיך דיא שפיז זייט אויף אזר הנט
מאניר • איך האב איין גיזעצט דז געלט דז איך האב פֿר
דינט פֿר זנגה יאר דער פֿיר • דיא שפיז זייט האבין אויף אנדר
האנדר מאניר קארטין טאן דער ביא זנגין : ביז זידר דז געלט
איז פֿארט גיגאנגין :

**ש** טן שטן וויא טוט איר איך צו מיר פֿליישן • וויא ווערט
איר מיך איין ארפֿי פֿון דער אגדרה רייסן : אוי וויא ווערט
עז מיר אן גיאן איין מורה • ווען איך ווער שניך פֿרדעם
(יין הגדול והגבור והנורא)

**ת** ורה תורה זעבין מיא האב איך דיך גיזעצט אין איין
בינורר ווינקל • ווען איך האב איין גיזעהן אין ספֿר זענין מיר
גיוואורין מיין אוגן טונקין : איין עבירה צו טון זיינין מיר
מיין הינגן גישטאנדין אופֿין ווייט • איך האב קענין זעהן אויף
מיא פֿין מייל ווייט אול ברייט :

MAGY. AKADEMIA
KÖNYVTÁRA